בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

פר' בא
ד' שבט תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:33 |
| מוצש"ק | 5:49 |
| ר"ת | 6:27 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:27 | סוז"ת א' | 9:35 |
| סוזק"ש ב' | 9:10 | סוז"ת ב' | 10:04 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': טו

## טיב הפרשה

# א שלימות'דיגע יציאה פון מצרים

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר וועגן די אידן אין מצרים און וועגן פרעה. די תוה"ק דערציילט אונז איבער די מכות וואס פרעה האט געכאפט און ווי אזוי ער האט געזאגט אז ער גייט ארויסשיקן די אידן און שפעטער האט ער צוריקגעצויגן זאגנדיג אז ער גייט נישט ארויסשיקן די אידן פון מצרים.

אין פרשת בא האלטן מיר ביי נאך די זיבעטע מכה. פרעה האט שוין אריינגעכאפט גוטע מכות און ער שיקט רופן משה רבינו און ער הייבט אן צו פארהאנדלען מיט זיי. ער וויל וויסן מי ומי ההולכים? משה רבינו זאגט אים אז אלע גייען, אבער פרעה ווערט צוריק הארט, ער לאזט גיין די גרויסע אבער די קליינע קינדער האלט ער מיט זיך, זיי לאזט ער נישט גיין.

נו, אז ער לאזט נישט גיין, שיקט השי"ת א פרישע מכה. עס קומט צוגיין א גרויסע היישעריק און עס בלייבט נישט איבער אין מצרים קיין איין שטיקל גרינס. פרעה זעט איין אז עס איז ביטער. ער שיקט רופן משה און אהרן. זיי קומען צוגיין און עס הייבט זיך אן א פרישע וויכוח. פרעה קען באשטיין אז די קינדער זאלן גיין אבער ער וויל אז די שעפעלעך מיט די רינדער זאלן זיי לאזן דא.

ביידע זענען פאר'עקשנ'ט, און ענדע פירט אויס משה רבינו אז דער סוף וועט זיין אז פרעה וועט אונז נאך צוגעבן פון זיינע שאף און פון זיינע רינדער.

מיר האבן שוין מערערע מאל ארויסגעברענגט די נקודה אז די תורה הק' דערציילט אונז נישט בלויז די היסטאריע פון כלל ישראל. יעדע ווארט אין די תוה"ק איז אויסגערעכנט, אין יעדע ווארט איז דא א לימוד, אז מיר זאלן וויסן די מעשה אשר יעשון און זיך קענען מתגבר זיין קעגן די קליפה פון פרעה.

ווען מען שלאגט זיך ארום איבער די קינדער פון כלל ישראל

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### - ♦ כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ ♦ -

עס ווערט דערציילט איבער איינער פון די תלמידים פונעם הייליגן מגיד זי"ע, אז איינמאל איז ער געזעצן ביינאכט און געלערנט, ווען פלוצלונג האבן זיך געהערט קלאפערייען אין טיר. דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט פונעם ספר און געגאנגען זען ווער עס איז. "ווער איז דארט"? האט דער רבי געפרעגט, און פון די אנדערע זייט טיר האט זיך געהערט דער ענטפער "איך". הערנדיג דעם ענטפער, האט ער זיך צוריקגעזעצט לערנען אזוי ווי קיינער וואלט דא נישט אריינגעקלאפט. נאך גאר א קורצע צייט, האט מען ווייטער געהערט קלאפן אין טיר. ווייטער האט דער רבי געפרעגט, "ווער איז דארט"? און ווידעראמאל הערט מען דעם ענטפער "איך", און דער רבי ענטפערט נישט. אזוי האט זיך די סצענע איבערגעשפילט עטליכע מאל, ביז צום סוף האט דער איד פון אינדרויסן זיך אנגערופן "גדענקט מיר נישט דער רבי, מיר האבן דאך געלערנט צוזאמען ביים מגיד"? האט דער רבי אים געענטפערט: ביים מגיד האבן מיר געלערנט אז קיינער איז נישט קיין "איך" אויף דער וועלט, און אויב זאגסטו "איך", האסטו גארנישט געלערנט ביים מגיד.

דער אויבערשטער זאגט צו משה רבינו 'בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו', און מיט דעם ווייזט דער אויבערשטער צו משה אז דער "אני", די גאוה פון פרעה, איז דאס וואס טוט שווער מאכן זיין הארץ, און כדי אים צו אונטערטעניגן האט ער געדארפט באקומען די צען מכות וועלכע וועלן באטרעפן דעם מקור פון זיין גאוה, אנהויבנדיג פון איבערדרייען דעם טייך צו בלוט, וואס דערויף האט פרעה געזאגט "לי יאורי ואני עשיתיני", ביז צו מכת בכורות וואס דעמאלטס האט פרעה פארשטאנען אז נאר א טריט טיילט אפ צווישן אים און דער טויט וויבאלד ער איז געווען א בכור, און נאר נאכדעם וואס זיין גאוה איז אונטערטעניגט געווארן האט ער געקענט ארויסנעמען אידישע קינדער פון מצרים.

ווי שלעכט און מיאוס איז די מדה פון גאוה, וואס עס מאכט שאדן נישט נאר פאר דער מענטש אליין וואס האלט זיך גרויס, נאר אויך פאר די וואס געפינען זיך ארום אים, ווייל אפילו די קנעכט פון פרעה און אויך גאנץ מצרים וועלכע האבן נישט געהאט דעם זעלבן מאס גאוה ווי אים, זענען אויך געשלאגן געווארן ביי די מכות אזוי ווי אים.

ווי שטארק דארף מען זיך דערווייטערן פון גאוה, נישט נאר בפועל נאר אפילו אין געדאנק, אזוי ווי עס שטייט אינעם אגרת הרמב"ן אז ווער עס האלט זיך גרויס אין זיין הארץ דער איז מורד במלכות שמים, און דער אויבערשטער זאגט 'אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר בְּכִפִּיפָה אַחַת', איך קען נישט וואוינען צוזאמען מיט אים אונטער איין דאך. נאר דורכדעם וואס מען טראכט אריין אין די וועגן פון די השגחה און מען פארשטייט אז אין אמת'ן טוט מען גארנישט, אזוי ווי חז"ל זאגן אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ לְמַטָּה אֶלָּא־אִם־כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה, דעמאלטס ווערט מען געראטעוועט פון גאוה, אזוי ווי מורינו הרב שליט"א האט דערציילט, אז איינער האט אים געזאגט ווי פאלגנד: ביים חתונה מאכן מיין ערשטן קינד, האב איך געשפירט ווי דער אויבערשטער העלפט מיר, און אזוי איז אויך געווען ביים צווייטן קינד, אבער ביים חתונה מאכן דעם דריטן קינד האב איך געזען אז דער אויבערשטער 'העלפט' מיר נישט, נאר ער אליין טוט אלעס!

(עפ"י טיב התורה-בא)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

פארשטייט מען זייער גוט וואס איז געווען דער וויכוח. די קינדער זענען די עתיד פון כלל ישראל. וואס וועט מען האבן פון דעם אז די עלטערע וועלן ארויסגיין פון מצרים און די יונגערע וועלן פארבלייבן? כלל ישראל וועט פארלירן איר עתיד.

ווי איך האב אמאל געהערט א טייער ווארט פון כ"ק אדמו"ר מסקולען זצ"ל. ער האט זיך געשטעלט אויף די גמרא אין מסכתא שבת [קלח ע"ב] כשנכנסו רבותינו לכרם שביבנה אמרו עתידה תורה שתשתכח מישראל, אז די תורה וועט ליידער פארגעסן ווערן פון כלל ישראל, האט זיך רבי שמעון בר יוחאי אנגערופן חס ושלום אז די תורה זאל נשתכח ווערן פון כלל ישראל וויל עס שטייט שוין א פסוק כי לא תשכח מפי זרעו.

לכאורה איז שווער צו פארשטיין, וואס איז געווען די מחלוקת צווישן די הייליגע תנאים? צי האבן זיי געקריגט אין די מציאות הדברים וויאזוי עס גייט זיין באחרית הימים, זיי האבן דאך זיכער געזען מיט רוח הקדוש וואס עס גייט זיין מיט כלל ישראל באחרית הימים?

נאר, האט ער געגעבן צו פארשטיין, אז די הייליגע חכמים האבן געזען מיט זייערע לעכטיגע אויגן וואס עס גייט זיין אין די קומענדיגע דורות. זיי האבן געזען אז די אידישקייט ווערט זיין זייער שוואך, אז עס ווערט חלילה פארגעסן ווערן די תורה פון כלל ישראל.

אויך רבי שמעון בר יוחאי האט עס געזען, אבער אנדערש ווי די חכמים האט ער געזאגט אז מען זאל זיך נישט מייאש זיין פון דעם, וויל עס איז דא אַן עצה ווי אזוי מען קען ראטעווען די דור, די עצה איז אז מען ווערט אריינלייגן כוחות אין די יונגווארג, אז מען ווערט אין זיי אריינברענגען די אמונה טהורה פון קליינווייז אן און דאס איז וואס ווערט ראטעווען דער דור, אז די הייליגע תורה זאל האבן א המשכה ווייטער און ווייטער.

די מצוה געבט אונז די תורה הק' אין די פרשה, אז מען זאל מקיים זיין דער למען תספר באזני בנך ובן בנך אשר התעללתי במצרים ואת אותותי אשר שמתי בם וידעתם כי אני השם, די פליכט ליגן אויף יעדן איד, אז מען זאל אריינווארצלען אין אונזערע קינדער די אמונה טהורה, דער סיפור פון יציאת מצרים, איר מהות, אז מען זאל זיך שטארקן אין די אמונה הטהורה אז אלעס מאכט השי"ת.

אויך פון די עקשנות וואס פרעה האט ארויסגעוויזן אז ער וויל האלטן מיט זיך די שאף מיט די רינדער לערנט מען ארויס זייער אסאך. פרעה האט געוואוסט אז אזוי לאנג ווי א מענטש לאזט איבער רכוש ערגעצוואו, איז ער נאך געבינדן צו יענע פלאץ.

דאס איז דער נאטור פון דעם מענטש. זיין קאפ גייט נאך זיין רכוש, און וויל דער עיקר כוונה פון פרעה איז געווען צו צוהאלטן כלל ישראל צו זיך מיט אייזערנע צוואנגען, נישט וויל ער האט געדארפט זייער שאף, נאר וויל ער האט געוואלט פאנגען זייערע הערצער, האט ער זיך גע'עקשנ'ט אויף זייערע פארמעגן.

עס איז ידוע פון די ספרים הק' אז וואו די מחשבה פון א מענטש געפינט זיך דארט איז דער מענטש און דאס האט פרעה געוואלט פארדינען, ער האט געוואלט צוהאלטן די כלל ישראל צו זיך, אויך נאכדעם וואס זיי זענען ארויס פון מצרים.

די נקודה איז שטארק נוגע פאר אונז. א איד דארף וויסן אז אויב ער וויל דינען השי"ת בשלימות דארף ער זיך ערשט אפשיידן פון אלע געבינדנקייט צו די קליפה, וויל נאר אויב ער ווערט ארויסגיין בנערינו ובזקנינו ווערט ער קענען ארויסגיין פון די קליפה אין מצרים, מתחת יד פרעה, און וויסן אז דער באשעפער איז דער איין איינציגסטער אויף די וועלט, אז עס איז נישט דא עפעס אויסער אים.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א 'מעריב' צוואנציג מינוט פאר'ן עלות

פון מיין בר מצוה אן האט די נושא פון תפלה בציבור פארנומען ביי מיר זייער א חשוב'ער ארט.

איך געדענק נישט אז איך זאל האבן פארפעלט א תפילה בציבור, און וועגן דעם ווען איך האב זיך יענע נאכט צוריקגעקערט דריי אזייגער ביינאכט פון א חתונה און איך האב זיך דערמאנט אז איך האב נאכנישט געדאווענט קיין מעריב, בין איך גלייך געלאפן אין די לאקאלע שטיבלעך און זיך נאכגעפרעגט צי עס איז דא א מנין מעריב.

נאך א שטיק צייט זעענדיג אז עס איז נישט דא קיין שאנסען פאר א מנין מעריב, בין איך אריבער צו די זכרון משה שטיבלעך, גלייבנדיג אז דארט וועט זיכער זיין.

אבער אויך דארט איז נישט געווען קיין מנין. זיצנדיג דארט האב איך אריינגעקוקט אין א חומש און געלערנט די פרשה פון ויצא, וואו עס שטייט אז יעקב אבינו האט מתקן געווען די תפלה פון מעריב און א קרעכץ האט זיך ארויסגעריסן פון מיין הארץ בעטנדיג ביי השי"ת ער זאל מיר אונטערשיקן א מנין מעריב.

דער זייגער האט שוין געוויזן צוואנציג מינוט פאר די עלות השחר. געדאנקען פון יאוש האבן זיך אנגעהויבן אריינכאפן ביי מיר אין הארץ, איך האב זיך שוין געוואלט שטעלן דאווענען ביחידות, אבער דאן האב איך געטראכט צו מיר, אז אויב איך האב שוין געווארט ביז יעצט, לאמיר אויסווארטן נאך אביסל.

זיבן מינוט פאר די עלות השחר איז האט פלוצלונג געגעבן א קום אן פיר אידן, נאך איינער איז אראפ פון א טעקסי וואס ער האט גענומען פון דער שואפאט געגנט צו זכרון משה, צו זוכן אויב עס איז נאך דא א מנין מעריב.

מיר זענען געווען זעקס און מען האט מצרף געווען נאך פיר אידן וועלכע זענען שוין געקומען דאווענען שחרית און א סעקונדע פאר די עלות האט מען געענדיגט מעריב.

נאכן דאווענען איז מען ארויס אין א געהויבענע רקידה זייענדיג גליקליך אז מען האט מצליח געווען צוזאמענצושטעלן א מנין.

עס איז געווען אינטערעסאנט צו הערן ווי יעדער איינער פון זיי האט געהאט זיין השגחה פרטית געשיכטע וויאזוי ער איז אנגעקומען צו די מנין.

מיר האבן געזען בחוש ווי אלעס פירט זיך פון הימל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה י.ר]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספּוּלס אין פקס: 15326517922

• § • § •

# תשובה אין די ימי השובבי"ם

די ימי השובבי"ם זענען זייער מסוגל פאר תשובה און תיקון המעשים. דער ענין פון די תעניתים און די פילע סיגופים וואס זענען געווען איינגעפירט אין די פריערדיגע דורות אין די טעג, ווערן נישט דערמאנט אין רמב"ם הלכות תשובה אדער אין די אנדערע פוסקים, עס ווערט דארט נאר דערמאנט דער עצם מצוה פון תשובה און די גדרים דערפון.

אבער אין די צייטן פון דער הייליגער רוקח זצוק"ל און די אנדערע צדיקים וואס זענען געווען אין זיין צייט, האט מען אנגעהויבן מאכן פארשידענע סיגופים און פייניגונגען כדי צו מתקן זיין שווערע זינד, השם ישמרנו. אזוי ווי די קדמונים האבן דאס מסדר געווען אין א סדר פון "תשובת המשקל" (ספר הקנה, ספר חסידים, ראשית חכמה און נאך). אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל האט מסדר געווען די צאל תעניתים לויט די שמות הקדושים וואס זענען נפגם געווארן ביי יעדן איינציגן זינד, און בפרט אויפן חֵטְא הַיָּדוּעַ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

רעדנדיג איבערן ענין פון 'תענית שובבי"ם' קענען מיר נעמען א מוסר־השכל און א ביישפיל פון די וועלטליכע מענטשן, א בחינה פון "מֵאֹיְבַי תְּחַכְּמֵנִי" (תהלים קיט, צח). לאמיר זען וויאזוי עס גייט ביי די וואס באשעפטיגן זיך אין די תאוות און נארישקייטן פון דער וועלט, וויאזוי זיי ווערן געצויגן נאך דעם אזוי ווי מיט שטארקע שטריקן... אין די פריערדיגע דורות איז דאס געווען ביי די קָאַרְטְן שפילן, און היינטיגע צייטן ביי די באל (טאבע) שפילערייען, אדער ביים אבסעסיע צום 'אינטערנעט' (אונטערוועלט) רח"ל. אז פונעם ברענענדיגן גלוסטעניש, קען איינער זיין קאנצענטרירט דערין פאר לאנגע שעות און אפילו גאנצע נעכט... אנדעם אז מען זאל דארפן עסן אינמיטן!

וויאזוי קען דאס זיין? פון וואו האט דער מענטש אזעלכע וואונדערליכע כוחות?

עס מוז זיין אז דאס איז נאר דערפאר וואס די תאוה איז אים זייער איינגענעם! ער האט עס זייער ליב און האט שטארק הנאה דערפון, אויף אזוי ווייט אז ער שפירט נישט וויפיל צייט עס גייט אריבער, און ער פארגעסט אינאנצן אפילו זיינע מינימאלע געברויכן...

אויב אזוי איז דאך א קל וחומר! אז ווען מען איז עוסק אין תשובה און תיקון המעשים און אין לערנען און דאווענען, דארף מען עס מקיים זיין בשלימות און מיט א געוואלדיגע שמחה! אויף אזוי ווייט, אז פון גרויס זיסקייט פון תורה און תשובה, זאל ער בכלל נישט פילן קיין הונגער, און נישט דארפן קיין שום זאך...

דערפאר פאסטן מיר אין די שובבי"ם טעג, כדי צו פאררעכטן דאס וואס מיר האבן חלילה פארדארבן מיט פארגעניגנס וועלכע זענען נישט אויסגעהאלטן לויט די תורה, און צו פאררעכטן אונזערע לעבנס וועגן, מיט א לעבן פון תורה און קדושה, וואס איז פול מיט הייליגע פרייד און סיפוק, דורכן סגולה פון תיקון ימי השובבי"ם הקדושים!

[נערך מתוך שיחה לאברכי מיר ובריסק - ימי השובבי"ם תשס"א לפ"ק]

• • •

דעם פאלגנדן מעשה נורא האב איך לעצטנס געהערט, וועלכע לערנט אונז דעם וואונדערליכן כח פון תשובה, און איבערן כח פון א דרשת התעוררות, וואס דורך די וואונדערליכע וועגן פון די השגחה עליונה, האט עס געמאכט א פעולה און ארויסגעגעבן א רעזולטאט (תוצאה) אכציג יאר שפעטער!

אין איינע פון די פאררוקטע קהילות אין אמעריקע, וועלכע איז זייער א מאדערנע קהילה, איז געווען א תמימות'דיגער זעכצן־יעריגער בחור, וואס נאכן ענדיגן זיינע שולע יארן אינעם ארטיגן חינוך אנשטאלט (מוסד), האבן אים זיינע עלטערן געשיקט לערנען אינעם "ישיבה יוניווערסיטי". וויבאלד ער איז געקומען פון אביסל מער א "ארטאדאקסישער" הויז, האבן זיינע עלטערן אויסגעוועלט אזא סארט "פשרה", אז ער זאל לערנען אין אזא סארט "ישיבה" וועלכע איז צוזאמגעשטעלט פון א "כלאיים" פון די לימודים וואס מען לערנט אין ישיבה, צוזאמען מיטן שטודירן א פאך, און באקומען א דיפלאמע (תואר/דעגרי).

נאנט צו ראש השנה איז דער בחור אהיימגעקומען צו זיינע עלטערן, צו פראווען דעם יום־טוב מיט זיין פאמיליע און קהילה. זיך אנגרייטנדיג צום הייליגן יום־טוב, האט ער זיך אין די לעצטע מינוט געכאפט אז ער האט נישט קיין "מחזור" פאר די תפילות פונעם יום־טוב. צוליב די שפעטע שעה, זענען שוין אלע ספרים געשעפטן געווען פארמאכט אויף שלאס און ריגל.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האט זיך דער בחור געוואנדן צום הויז פון דער רב פון די קהילה, מעגליך דארט וועט מען האבן פאר אים אן איבעריגע מחזור...

הערנדיג זיין פארלאנג, האט דער רב גענומען זוכן אן איבעריגע מחזור, און אין א פאררוקטן ווינקל פון זיין ספרים־שטוב האט ער געפינען אן אלטער אפגעריבענער מחזור, וואס כאטש עס איז געווען היבש אלט, האט מען נאך געקענט דאווענען אין דעם.

דער רב אליין האט שוין געהאט לאנג צוריק געקויפט נייע און שיינע מחזורים פאר זיך און פאר זיין הויזגעזינד, האט ער עס גערן דערלאנגט פארן בחור צו נוצן אינעם יום הדין.

אזוי אינמיטן דעם לאנגן דאווענען אין שול, האט דער בחור געמישט אהין און אהער צווישן די געלע בלעטער פונעם אלטן מחזור, נייגעריג צו זען וויאזוי עס זעט אויס... און אט האט זיין אויג אויפגעכאפט ביי איינע פון די ליידיגע בלעטער ביים סוף פונעם מחזור, "א דרשה פאר די תקיעות", געשריבן אין א קלארע האנטשריפט, אונטערן קעפל: "דרשת כ"ק מרן רבינו יואל טייטלבוים שליט"א, רב ומו"ץ דפה קהילה־קדושה קראלי, לפני התקיעות יומא קמא דראש השנה".

ווי עס זעט אויס, האט זיך דער מחזור געפינען מיט צענדליגער יארן פריער, אין די שטאט "קראלי" אין אייראפע, וואו דער הייליגער סאטמארער רב זי"ע בעל "דברי יואל" האט יונגערהייט געדינט אלס רב, איידער ער איז אויפגענומען געווארן אינעם באוואוסטן שטאט "סאטמאר", און דער בעל הבית פונעם מחזור, האט געשמאק אפגעשריבן דעם דרשה וואס דער הייליגער צדיק האט דעמאלטס גע'דרש'נט אום ראש השנה, מיט זיין קלארן האנטשריפט.

דער בחור'ס נייגער האט זיך צופלאקערט! א דרשה פונעם הייליגן סאטמארער רבי'ן זצוק"ל, וואס ער האט גערעדט אום ראש השנה מיט העכער אכציג יאר פריער! דאס איז נישט עפעס וואס טרעפט זיך יעדן טאג... עס איז שוין יעצט געווען אסאך יארן נאכן הסתלקות פונעם הייליגן צדיק. דער בחור האט געוואוסט אז ער האלט דא אין האנט גאר א טייערער און אריגינאלער האנטשריפט... ווער ווייסט צי אפילו ביי די סאטמאר'ער מוסדות, און אינעם "דברי יואל" רעדאקציע, ווייסט מען איבערן עקזיסטענץ פון אט דעם וואונדערליכן דרשה. מעגליך איז עס קיינמאל נישט געדרוקט געווארן, וויבאלד עס איז געבליבן באהאלטן די אלע יארן צווישן די בלעטער פונעם אלטן אפגעריבענעם מחזור...

מיט א שטארקער אינטערעס, האט דער בחור אנגעהויבן ליינען דעם אינהאלט פונעם דרשה, און ער האט גענומען אריינטראכטן וויאזוי דער הייליגער סאטמארער רב האט מעורר געווען דעם קהל אין אייראפע מיט אזויפיל יארן צוריק... ווען עס האט זיכער געשוועבט איבער יעדן איינעם אזא פארצייטישן חן...

אבער צו זיין גרויס וואונדער האט ער באמערקט אז דאס מערהייט פונעם דרשה האט זיך בכלל נישט גערעדט איבערן שופר און די וואונדערליכע סגולה דערפון, און אויך האט דער רבי דעמאלטס נישט גערעדט קיין טיפע געדאנקען איבערן הייליגן יום טוב, נאר דער צדיק האט פשוט מעורר געווען דעם קהל מיט א פייערדיגע שטימע, איבער די שרעקליכע פירצה וואס האט זיך דעמאלטס גענומען צושפרייטן אויף דער וועלט, אז די פרויען זענען געגאנגען מיט אויפגעדעקטע קעפ, רחמנא ליצלן, לויט די "מאדע"...

דער רבי האט דעמאלטס מאריך געווען מיט א וויינענדיגע שטימע און מיט גרויס התרגשות איבער די געוואלדיגע הארבקייט פון דער זאך, און האט געברענגט פילע רַאְיוֹת און מקורות איבער דעם פשוט'ן הלכה, אזוי ווי די גמרא פסק'נט קלאר (ברכות כד.): "שֵׂעָר בְּאִשָּׁה עֶרְוָה", אויפגעדעקטע האר ביי א פרוי, איז אן ערוה.

צווישן זיינע רייד, האט דער צדיק דערמאנט די ווערטער פונעם זוהר הקדוש (ח"ג מח: קכז. תיקונים קח. ועוד) וועלכער טוט שעלטן הארבע קללות פאר יעדע פרוי וועלכע האלט דער זאך פאר גרינג, זע דארטן.

אויך האט דער סאטמארער רב מעורר געווען דעם ציבור איבערן הלכה־פסוקה אין שולחן ערוך (או"ח סי' עה ס"ב): "שֵׂעָר שֶׁל אִשָּׁה שֶׁדַּרְכָּהּ לְכַסּוֹתוֹ אָסוּר לִקְרוֹת כְּנֶגְדּוֹ", מען טאר נישט ליינען קריאת שמע און אויך נישט זאגן קיין ברכה אדער אנדערער דבר שבקדושה, אנטקעגן די האר פון א פרוי וואס דער שטייגער איז אז מען דעקט עס צו!

דער רבי האט מפלפל געווען אין די ווערטער פון די מפרשים דארט, וועלכע טוען קלארמאכן אז אפילו אויב דער שטייגער פון אט די פרוי און אירע חבר'טעס אין יענעם ארט איז, אז זיי גייען יא אויפגעדעקט די האר פון קאפ אין גאס, אזוי ווי דער שטייגער פון די פריצות'דיגע פרויען רחמנא ליצלן, איז עס אויך אסור, פונקט ווי דאס אויפדעקן די העכערע טייל פונעם פוס, וואס איז אסור אויף יעדן פאל, וויבאלד די האר מוז צוגעדעקט ווערן מצד די הלכה.

ווייטער האט דער רבי געזאגט אז עס איז דא אין דעם אן איסור מדאורייתא, אזוי ווי מען לערנט ארויס פונעם פסוק (במדבר ה, יח) "וּפָרַע אֶת רֹאשׁ הָאִשָּׁה", זעט מען פון דעם אז עס איז צוגעדעקט. דאס איז וויבאלד אלע אידישע טעכטער וועלכע פירן זיך לויט די תורה הקדושה, געבן אכטונג דערין נאך פון די צייטן פון אונזערע אבות ביז היינט, זע אויך דארט אין משנ"ב (ס"ק י), און דער רבי האט נאך ווייטער מאריך געווען אינעם ענין בהלכה ומוסר בטוב טעם ודעת, כיד ה' הטובה עליו.

נאכדעם וואס דער בחור האט דורכגעליינט דעם גאנצן דרשה מיט גרויס התעוררות,

המשך אין עמוד ד'

זענען די ווערטער אריינגעגאנגען אין די טיפענישן פון זיין הארץ, צוליב דעם גרויסן כח און הייליגקייט פונעם טאג!

ווען דער בחור איז אהיימגעקומען נאכן דאווענען, האט זיך א פייערדיגע גייסט אנגעצינדן אין אים, און ער האט דרייסטערהייט געמאלדן פאר זיין מאמע, אז ער גייט זיך בשום אופן נישט זעצן עסן די יום־טוב'דיגע סעודה, ווילאנג זי וועט נישט צודעקן אירע האר לויט די הלכה! "איך קען נישט זיצן אין אן ארט וואו עס קומט פאר אזא געפערליכער זאך"! האט דער בחור געשריגן, "מען קען דאך אזוי נישט מאכן קידוש! און אויך נישט זאגן קיין ברכה! אזא פריצות איז פאסיג נאר אין א גוי'אישע הויז, אבער נישט אין אידישע שטיבער"! - האט ער ארויסגעגעבן זיין באשלוס!

די משפחה מיטגלידער האבן אנגענומען זיינע ווערטער מיט גרויס שטוינונג, קען דען א יונגער בחור זיך אריינמישן אין די פריוואטע אנגעלעגנהייטן פון זיין מאמע? זיי האבן אים אויפמערקזאם געמאכט, אז עס פאסט נישט פאר "אויפגעקלערטע" מענטשן זיך אריינצומישן אין די פריוואטע לעבן פון אנדערע, און ער וועט זיך מוזן פירן מיט מענטשליכקייט...

זיי האבן זיך פראבירט טענה'ן מיט אים, זאגנדיג אז אזא פארלאנג איז איבערהויפט נישט אנגענומען ביי די פרויען פונעם שטעטל. מיר זענען דא אלע געערטע מענטשן, און דא גייט יעדער אזוי... עס איז נישט ריכטיג צו זיין "אנדערש ווי יעדן איינעם", און טון עפעס וואס איז איבערהויפט נישט אנגענומען ביי די קהילה...

דער בחור האט זיך אבער געהאלטן ביי זיינס, נישט וועלנדיג הערן קיין שום פשרות. אלע זייערע בקשות זענען געווען אומזיסט, וויבאלד ער איז געבליבן מיטן זעלבן באשלוס: איך וועל מער קיינמאל נישט עסן צוזאמען מיט מיין משפחה, ווילאנג מיין מאמע דעקט נישט צו איר קאפ לויט די הלכה!

זעענדיג אז דער בחור האלט נישט ביים טוישן זיין מיינונג, האבן די בני המשפחה באשלאסן צו גיין צוזאמען מיטן בחור צום רב פונעם שטעטל, אז ער זאל ארויסגעבן זיין באשלוס אינעם ענין. דער רב, איז אליין געווען זייער מאדערן געשטימט, וויבאלד די קהילה מיטגלידער האבן זיך אויסגעוועלט אלס רב איינער וואס האלט פונקט ווי זיי, און אויך זיין ווייב איז נישט געווען אויף א בעסערער מצב אין צניעות.

ווי נאר דער רב האט געהערט זייער ויכוח, האט ער זעלבסטפארשטענדליך אנגענומען דעם מיינונג פון די משפחה, און פראבירט ערקלערן פארן בחור, אז היינטיגע צייטן האבן זיך זאכן געטוישט, און דאס וואס איז געווען גילטיג אין די פריערדיגע דורות, אין די אלטע געסעלעך אין אייראפע, איז אבער דא נישט נוגע! דעריבער פאסט נישט צו מאכן אזא

## לעילוי נשמת

הגה"צ רבי שבתי הכהן
בן הרה"ק רבן גמליאל זצוק"ל
שעל שמו נתייסד קהלתנו 'שבתי בבית ה'
נלב"ע ח' שבט תשל"ז
ת.נ.צ.ב.ה

מלחמה מיט זיין משפחה, און עס וואלט אסאך בעסער געווען אז ער זאל נאכגעבן און אפלאזן זיין "נארישקייט"...

אבער אויך די ווערטער פונעם רב האט דער בחור בשום אופן נישט געוואלט אננעמען. ער האט זיך גענומען טענה'ן מיט היץ: במחילת כבודו פונעם רב, איז דער ענין קלאר ארויסגעשריבן אין די הלכה און אין די פוסקים. דערביי האט דער בחור אויסגערעכנט אלע מראי מקומות וואס דער הייליגער סאטמארער רב האט דערמאנט אין זיין דרשה, און אויף א קלארע הלכה אין שולחן ערוך קען מען אוודאי נישט זאגן אז צייטן האבן זיך געטוישט! אונזער תורה טוישט זיך קיינמאל נישט חס ושלום, און יעדן איינציגן הארעלע פון די תורה איז אמת!!!

ווען די מאמע האט געזען אז דאס איז אן ערנסטער פראבלעם, און אז זי וועט קיינמאל נישט קענען ברעכן די עקשנות פון איר זון, האט זי צוגעשטימט צו צודעקן איר קאפ, נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, כדי איר זון זאל עסן מיט זיי, און נישט אפלאזן זיין פאמיליע און מאכן אן איבעריגע "שטורעם"...

די שוועסטער פון דער בחור'ס מאמע, איז אויך געווען פון די זעלבע קהילה, און ווען זי האט פלוצלונג געזען ווי איר שוועסטער גייט מיט א צוגעדעקטע קאפ, האט זי זיך זייער געוואונדערט און איר געפרעגט דערוועגן. האט דער בחור'ס מאמע דערציילט דעם גאנצן פרשה וואס איז פארגעקומען מיט איר זון, וויבאלד ער איז פעסט געשטאנען דערויף אז זי זאל צודעקן איר קאפ לויט די הלכה!

ווען די שוועסטער האט דאס געהערט, איז זי אויך נתעורר געווארן צו צודעקן איר קאפ! זאגנדיג אז זי האט קיינמאל נישט געוואוסט ווי הארב דער זאך איז... און אזוי האט זיך דער זאך צושפרייט צווישן די פרויען פון די קהילה, וועלכע האבן זיך שוין פלוצלונג געשעמט צו גיין מיט אויפגעדעקטע קעפ... אזוי אז אין א קורצע צייט ארום זענען שוין אלע פרויען פון די קהילה געגאנגען צוגעדעקט דעם קאפ לויט די הלכה!

פון אט די טייערע עובדא, לערנען מיר דעם געוואלדיגן כח פון א דרשת התעוררות צו תשובה! ווייל בשעתו, ווען דער הייליגער סאטמארער רב האט געזאגט די דרשה, ווייסן מיר דאך נישט צו וועמען ער האט עס געזאגט... וויפיל פרויען זענען דען געווען אין זיין שטאט וועלכע זענען געגאנגען מיט אויפגעדעקטע האר, חס ושלום? דאס מערהייט פון זיי זענען דאך געווען ערליכע אידישע קינדער?

אבער דא האבן מיר געזען, ווי מיט פילע צענדליגער יארן שפעטער האט די דרשה זייער שטארק אויפגעטון, אין גאנץ אן אנדערער דור און ארט! - ווייל אלע ווערטער פון די צדיקים זענען אזוי ווי ברענענדיגע פייערדיגע קוילן, וועלכע זענען אימשטאנד צו פאררעכטן גאנצע אידישע קהילות, זיך צוריקצוקערן בתשובה שלמה, און פאררעכטן די גדרי הצניעות כדת משה וישראל.

[מתוך קובץ "שיחות פרטיות"]




## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט
התורמים להפצת העלון
לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173